**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/18/2022 **גאווערנער קעטי האָוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 12 מיליאן דאלער צו פינאנצירן פאמיליע געלעגנהייט צענטערס צו שטיצן פאמיליעס און פארמיידן קינד בא׳עוולה׳ן און באלעסטיגונג**

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט טיילט אויס גרענטס אין סה״כ פון 12 מיליאן דאלער ביז פעברואר 28, 2026, צו פינאנצירן פאמיליע געלעגנהייט צענטערס, וועלכע זענען קאמיוניטי-באזירטע אדער סקול-באזירטע פראגראמען וועלכע פארזארגן סערוויסעס וואס מאכן שטערקער פאמיליעס און פארבעסערן די זיכערהייט און וואוילזיין פון קינדער און פאמיליעס.

״פאמיליעס נייטיגן זיך אין קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס וועלכע שטיצן עלטערן און אויפציער אין האדעווען געזונטע און צופרידענע קינדער און רעדוצירן די דרוק וואס פירט אפטמאל צו א פארמינערונג אין דעם וואוילזיין פון דער גאנצער פאמיליע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך בין שטאלץ צו פינאנצירן פאמיליע געלעגנהייט צענטערס, וועלכע זענען איבערצייגטע פראגראמען וואס שטיצן פארשידנארטיגע פאמיליעס לענגאויס ניו יארק סטעיט, און מיר וועלן פארזעצן ווייטער צו נעמען קאנקרעטע שריטן צו שטיצן פאמיליעס און העלפן רעדוצירן קינדהייט באלעסטיגונג און פארנאכלעסיגונג, שטערקער מאכן פאמיליע סטאביליטעט און פארבעסערן קינדהייט אנטוויקלונג.״

״אלס א טאטע, טוט מיר וויי דאס הארץ אז עס געפונען זיך קינדער צווישן אונז וועלכע מאכן מיט קינדהייט באלעסטיגונג און בא׳עוולה׳ן אין ניו יארק סטעיט,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** ״עס ליגט אויף אונז א פליכט צו פארזיכערן די זיכערהייט פון אונזערע קינדער דורך גרייט מאכן הילפס-מיטלען פאר פאמיליעס וואס וועלן העלפן פארמיידן באלעסטיגונג און אונז העלפן ארבעטן אלע אינאיינעם אלס א קאמיוניטי צו האדעווען צופרידענע, געזונטע קינדער.״

דער איניציאטיוו איז א צוזאמארבעט צווישן דעם ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS) און דער סטעיט בילדונג דעפארטמענט (State Education Department, SED). OCFS וועט אנפירן די גרענטס, גרייט געמאכט דורך סטעיט געלטער און די פעדעראלע קאמיוניטי-באזירטע קינדהייט באלעסטיגונג אפהאלט פראגראם אריינגערעכנט אין דעם (Community-Based Child Abuse Prevention, CBCAP) אַמעריקען רעסקיו פלען׳. די היסטארישע צוזאמארבעט צווישן OCFS און SED שפיגלט אפ די אגענטור׳ס פאראייניגטע ציילן צו שטערקער מאכן פאמיליעס און בעסער קאארדינירן סערוויסעס. FOC׳ס זענען א פארבעסערונג צו דעם פאמיליע רעסאָרס צענטער מאדעל ( family resource center model, FRC) געאייגנט אויף צו פארשטערקערן פאמיליעס, העכערן זייערע באשיצונג פאקטארן, שטיצן עלטערן און קינדער׳ס גייסטישע געזונט, שטיצן פארבעסערטע בילדונג תוצאות און פארבעסערן די וואוילזיין פון קינדער. FOC פראגראמען וועלן אנבאטן א ברייטע ריי אפהאלט סערוויסעס וועלכע וועלן אריינרעכענען פארמאלע און אומפארמאלע שטוב-חינוך, בויען סאציעלע פארבינדונגען, פארבעסערן קינדהייט ערפאלג אין סקול, נאכקומען די קאנקרעטע באדערפענישן פון פאמיליעס און איבערקומען די מניעות צו גייסטישע געזונט און / אדער סובסטאנץ באניץ אומארדענונג סערוויסעס אויב נייטיג.

פאמיליעס וועלן האבן צוטריט צו די ווערדפולע סערוויסעס אינערהאלב זייערע אייגענע קאמיוניטיס אין גרינג צוצוקומען און ווארעם-אויפנעמענדע לאקאציעס.

די גרענט פינאנצירונג איז געאייגנט אויף איינצופירן ערשטע פארמיידן סערוויסעס און צו שטיצן קאמיוניטי-באזירטע און סקול-באזירטע פראגראמען צו העכערן סקול און פאמיליע שטיצע-מיטלען און העכערן באשיצנדע פאקטארן וועלכע רעדוצירן די ריזיקע פון קינדהייט בא׳עוולה׳ן / באלעסטיגונג און פארבעסערן בילדונג תוצאות פאר סטודענטן.

**אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמיסיאנערין שיִלע דזשעי. פול האט געזאגט,** ״שטודיעס ווייזן אז די אנוועזנהייט פון פאמיליע שטיצע-מיטלען צענטער אין קאמיוניטי בייִשטייערט צו א 45 פראצענטיגע רעדוקציע אין פעלער פון קינדהייט בא׳עוולה׳ן און פארנאכלעסיגונג. אינוועסטירן אין פארמיידונג קען אויך רעדוצירן די נויט פאר מער טייערע אינטערווענץ סערוויסעס שפעטער פאראורזאכט דורך באלעסטיגונג און בא׳עוולה׳ן. אזוי ווי די צאל אומגינציגע קינדהייט דורכלעבענישן העכערט זיך, העכערט זיך מיט דעם די ריזיקע פאר פילצאליגע לאנג-טערמיניגע געזונטהייט פראבלעמען. מיר זענען זייער צופרידן אנצובאטן די פאמיליע געלעגנהייט צענטערס.״

**סטעיט בילדונגס קאמיסיאנערין בעטי עי. ראזא האט געזאגט,** ״עס איז צייט איבערצוקלערן וויאזוי מיר שטעלן צו פאמיליע שטיצע סערוויסעס און טוען עס אין אן ארומנעמיגן און צוזאמענגעארבעטן אופן וואס דינט דעם קינד אין גאנצן, די פאמיליע אין גאנצן און דער קאמיוניטי אינגאנצן. דורך ארבעטן אינאיינעם וועלן אונזערע אגענטורן שאפן א געלעגנהייט פאר פארבינדענע הילפס-מיטלען וועלכע זענען ווירקזאם און קולטורעל-צוגעפאסט, און פארזארגן פריינטליך-אויפנעמענדע ערטער פאר יעדן.״

בארעכטיגטע אפליקאנטן פאר די SED פינאנצירונג מוזן זיין ניו יארק סטעיט פובליק סקול דיסטריקטן מיט א 20-2019 עקאנאמיש אומגינציגע סטודענט ראטע העכער די דורכשניט אינ׳ם סטעיט וועלכס שלאגט פאר צו סערווירן מיטל און אנהייב הויך-שולע סטודענטן און זייערע פאמיליעס. בארעכטיגטע אפליקאנטן פאר דעם OCFS CBCAP פינאנצירונג מוזן זיין קאמיוניטי-באזירט, גלויבן-באזירט אדער סקול-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע זענען נאָנפּראָפיט ארגאניזאציעס און / אדער פובליק אגענטורן וועלכע שלאגן פאר צו סערווירן איין אדער מער פון די פאלגענדע קאונטיס: אלבאני, אלעגאני, ברום, קאטאראוגוס, קאיוגע, טשאטאקווא, טשעמונג, טשענאנגא, קלינטאן, קאלומביע, קארטלענד, דעלעווער, דוטשעס, ערי, עסעקס, פרענקלין, פולטאן, דזשענעסי, גרין, האמילטאן, הערקימער, דזשעפערסאן, לואיס, ליווינגסטאן, מאדיסאן, מאנראו, מאנטגאמערי, נעסאוי, ניאגארא, אניידע, אנאנדאגא, אנטעריאו, אראנדזש, ארליענס, אסוועגא, אטסעגא, פוטנעם, רענעסעלער, ראקלענד, סאראטאגע, סקענעקטעדי, שאוהארי, סקיילער, סענעקע, סט. לאורענץ, סטובען, סופאלק, סוליווען, טיאגע, טאמפקינס, אולסטער, ווארען, וואשינגטאן, וועין, וועסטשעסטער, ווייאמינג און

ביטע באזוכט דעם [OCFS פינאנצירונג געלעגנהייטן וועבזייטל] פאר נאך אינפארמאציע און איינגעבונג פאדערונגען. אפליקאציעס מוזן אריינגעגעבן ווערן אין דעם [ניו יארק סטעיט ׳גרענטס געיטוועי׳].

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן